בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת שְׁמוֹת

237

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש ברסלב**
Heichal Hakodesh Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Liberty, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וֶוען וֶועל אִיךְ שוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?.................... א

אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן פַאר מֵיידְלֶעךְ אִיבֶּערְצוּשְׁלָאפְן מִיט חַבֵר'טֶעס?... ה

וִוי אַזוֹי קֶען אוֹיפְהֶערְן צוּ הָאבְּן פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק?........................ ז

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן נֶעמֶען דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל?... ח

זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין יְשִׁיבָה אוֹיבּ לָאזְן זֵיי מִיר נִישְׁט הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב?.................................................................... ט

דַארְפְן מִיר מוֹרָא הָאבְּן פוּן קְלָלוֹת?................................ יא

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק בַּאקוּמֶען גֶעלְט וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְבָּארְגְט?...יב


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אִין דִי שְׁנֵיי מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................................... א

דִי הֶערְלִיכֶער שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב............................ ז

דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי שָׁלוֹם בַּיִת וָואס אִיז דָא בַּיי אַייךְ ........................................................... טז

שְׁרַייבְּן קְלָאר אוּן מְסוּדָר ............................................. טז

תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא מוּזְן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ ........................יז

דִי רִיכְטִיגֶע פַארְשְׁטַאנְד צוּ וִויסְן וָואס צוּ רֶעדְן אוּן צוּ וֶועמֶען צוּ רֶעדְן.........................................................יח

גֵיין הֲפָצָה אוֹיף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט ....... יט

אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע בַּיי בָּחוּרִים צוּ פַאְרבְּרֶענֶען צַייט ...................... כ

בֶּעט אַייךְ אוֹיס בַּיים צִיוּן פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ מְרִיבְנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ... כג

טוּ אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אַייךְ ...................כד

שׁוֹבָבִי"ם תַ"ת, אַכְט וָואכְן וָואס מִיר קֶענֶען אַלֶעס פַארֶדְרעכְטְן .........כד

אִיר זָאלְט זַיין פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הַאלְטְן אַלֶעס מִיט ...................כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיךְ פִּיל מַמָּשׁ ווִי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּחִירָה; וָואס קֶען אִיךְ טוּן עֶס זָאל מִיר גֵיין אַבִּיסְל גְרִינְגֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם? וָואס קֶען אִיךְ טוּן עֶס זָאל מִיר גֵיין גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע? אִיךְ הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין מְחַזֵּק זַיין מִיט דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אַ טְרִיט אַרַיין אִין בְּלָאטֶע, אַ טְרִיט אַרוֹיס" - אָבֶּער כָאטְשׁ עֶפֶּעס אַ לִיכְטִיגְקֵייט, עֶפֶּעס אַ שְׁטַארְקֵייט...

דָאס אַז אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פַּארְקוֹיפְט צוּ מַיינֶע תַּאֲווֹת, צוּ מַיינֶע יֵצֶר הָרָע'ס - אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, עֶס קוּמְט מִיר מַמָּשׁ צוּ וֵויינֶען ווען אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו, אִיךְ פִּיל אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט בַּיים יֵצֶר הָרָע. ווִי אַזוֹי קֶען מִיר וֶוערְן אַבִּיסְל גְרִינְגֶער? אַבִּיסְל מֶער כֹּחַ? אַבִּיסְל כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין? אִיךְ פִּיל ווִי אִיךְ וֶועל אֵייבִּיג אַזוֹי בְּלַייבְּן חַס וְשָׁלוֹם; אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת?

יִישַׁר כֹּחַ פַאר מַיין שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַיין שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְט בֶּעסֶער אִין בֶּעסֶער, מַיין לֶעבְּן וֶוערְט זִיסֶער אוּן זִיסֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע סְפָרִים מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין; קוּק אַריין אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - וֶועסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין.

לָאמִיר לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם אַ שְׁטִיקְל לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לִבְלִי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ, דְּהַיְנוּ מְעַט מִקְּצָת עֲבוֹדָתוֹ שֶׁהִתְחִיל, אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - סֵיי אִין תּוֹרָה אוּן סֵיי אִין תְּפִלָּה. "וּזְכֹר דָּבָר זֶה הֵיטֵב", גֶעדֶענְק גוּט וָואס אִיךְ זָאג דִיר, "כִּי תִּצְטָרֵךְ לָזֶה מְאֹד כְּשֶׁתַּתְחִיל קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", ווייל וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ דָאס דַארְפְן גוּט וִויסְן, "כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ, לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ", ווייל מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ' וְכוּ', מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת; לֶערְן דוּרְךְ דֶעם גַאנְצְן תּוֹרָה וֶועסְטוּ הָאבְּן שְׁטַארְקֶע חִיזוּק.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ לִיכְטִיגְקֵייט, אַ זִיסְקֵייט - ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גְרֶעסֶער פוּן יֶעדֶע עֲבוֹדָה, "דְּהַיְנוּ לִקְבֹּעַ לוֹ עַל כָּל פָּנִים שָׁעָה אוֹ יוֹתֵר, לְהִתְבּוֹדֵד לְבַדּוֹ בְּאֵיזֶה חֶדֶר אוֹ בַּשָּׂדֶה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין אִין אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, "וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בִּטְעָנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת, בְּדִבְרֵי חֵן וְרִצּוּי וּפִיּוּס, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרְבוֹ אֵלָיו לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת", אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, אוּן מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן - אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, "כִּי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ קָשֶׁה לוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ", אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען אַלֶעס וָואס לִיגְט

אויפ'ן הָאָרֶץ, "וְגַם אֵין הַלֵּב נִמְשָׁךְ אַחֲרֵי הַדִּבּוּרִים, מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ מֻרְגָּל כָּל כָּךְ בְּהַלָּשׁוֹן, כִּי אֵין דַּרְכֵּנוּ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ", וַוייל מִיר רֶעדְן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, דֶערְפַאר אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַאָרֶץ, אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, לְמָשָׁל מִיר וָואס מִיר רֶעדְן אִידִישׁ - זָאגְט דֶער רֶבִּי: "אֲבָל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּסַפְּרִים וּמְדַבְּרִים בּוֹ, קַל וְקָרוֹב יוֹתֵר לְשַׁבֵּר לִבּוֹ", - אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַאָרֶץ.

אַוַדַאי אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט שְׁפִּירְן ווִי עֶס וֶוערְט בֶּעסֶער, דוּ וֶועסְט נָאר שְׁפִּירְן ווִי מֶען דֶערְוַוייטֶערְט דִיר; דָאס זָאל דִיר נִישְׁט אָפְּשְׁוַואכְן, מַיין נִישְׁט אַז נָאר דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, נָאר דִיךְ פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל", וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, "רַק אַדְּרַבָּא, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל", פַארְקֶערְט, וִוי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט ווִי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נִדְמָה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְּרַבָּה, עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען ווִי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָּׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מִיט דֶעם אַלֶעמֶען הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד

כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעבֶּעטְן אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ, וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין

שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן פַאר מֵיידְלֶעךְ אִיבֶּערְצוּשְׁלָאפְן מִיט חַבֶרְ'טֶעס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְטֶער זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר'ן ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַּאר אַלֶעס גוּטְס וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וִויסְן, אַסַאךְ מָאל מַאכְן מַיינֶע קָאזִינְס אַ נַאכְט צוּזַאמֶען (סְלִיפּ-אָוֶוער), אוּן זֵיי רוּפְן מִיר אוֹיךְ, הָאבְּן אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אִיבֶּערְצוּשְׁלָאפְן מִיט חַבֶרְ'טֶעס.

נָאךְ אַ שְׁאֵלָה, אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ וִויל עֶפֶּעס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מִיר שְׁוֶוער עֶס אַרוֹיסְצוּזָאגְן מִיט מַיין מוֹיל, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ דָאס צוּ טְרַאכְטְן אָדֶער אַרָאפְּשְׁרַייבְּן הֵייסְט אוֹיךְ בֶּעטְן?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ מֶען מֶעג הֶערְן אַ שִׁיעוּר אָדֶער הֶערְן מוּזִיק אִינְמִיטְן זָאגְן תְּהִלִּים.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אִיבֶּערְשְׁלָאפְן מִיט חַבֶרְ'טֶעס וְכוּ'; אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן

הֵיילִיג - דֶעמָאלְט אוֹיב עֶס פֶעלְט אוֹיס קֶען מֶען גֵיין. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אוֹיפְצוּזַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען, אָבֶּער עֶס מוּז זַיין אֵיידֶל אוּן הֵיילִיג; מֶען קֶען נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אִין אֵיין בֶּעט, נִישְׁט לִיגְן אוּן נִישְׁט זִיצְן.

לֵיידֶער לֶערְנְט מֶען נִישְׁט אוֹיס מֵיידְלֶעךְ צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן קְרַאנְקֶע זַאכְן; טֵייעֶרֶע מֵיידְלֶעךְ פַאלְן אַרַיין אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּמְווִיסְנְדִיג, וָואס דָאס וֶועט זֵיי שָׁאטְן פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן. זֵיי וֶוערְן נָאנְט מִיט אַ חַבֶרְ'טֶע אוֹיף אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע וֶועג בִּיז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט חַתוּנָה הָאבְּן, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט וֶוערְן נָאנְט מִיט זֵייעֶר מַאן, מֶען בְּלַייבְּט פַארְהַאקְט מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע נָאנְטְשַׁאפְט וְכוּ'.

(אִיךְ הָאב קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט מַיינֶע טֶעכְטֶער גֵיין שְׁלָאפְן בַּיי חַבֶרְ'טֶעס).

בְּנוֹגֵעַ טְרַאכְטְן אָדֶער שְׁרַייבְּן וְכוּ'; אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְט אִיר אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס בֶּעטְן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאב אַ פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר; אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּ דִיר אוּן בֶּעטְן פוּן דִיר אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף, אַלֶעס וָואס אִיךְ ווִיל; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן ווִי דוּ שְׁטֵייסְט דָא נֶעבְּן מִיר אוּן דוּ הֶערְסְט צוּ יֶעדֶע וָוארְט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ דִיר, גֶעב מִיר אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן אוּן דִיךְ זֶען".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז אִיר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן שְׁרַייבְּן בְּרִיוו פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טְרַאכְטְן וְכוּ'; וָואס אִיר וֶועט דַארְפְן - וֶועט אִיר גְלַייךְ נָאר פוּן אִים בֶּעטְן.

אִיר קֶענְט הֶערְן מוּזִיק אָדֶער אַ שִׁיעוּר בְּשְׁעַת אִיר זָאגְט תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אוֹיפְהֶערְן צוּ הָאבְּן פְּחָדִים און שְׁרֶעק?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיךְ מַאכְן אַזָא שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מָאל וֶוען עֶס גֶעשֶׁעט אַבִּיסְל שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, לְמָשָׁל אַז עֶס וֶוערְט טוּנְקְל, מִיט קוּרְצְשְׁלוּסְן (בְּלֶעק-אַוּט), אָדֶער עֶס אִיז זֵייעֶר ווִינְטִיג און אַלֶע זַאכְן אוֹיפְ'ן גַאס פְלִיעֶן; וֶוען אַזֶעלְכֶע סָארְט זַאכְן פַּאסִירְן, הֵייבּ אִיךְ אָן צוּ צִיטֶערְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער פַּחְדָן, אִיךְ צִיטֶער פוּן אַלֶע קְלֵיינֶע זַאכְן וָואס גֶעשֶׁעֶן.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אִיךְ הֵייבּ אָן צִיטֶערְן אַז אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכְן.

אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ גֵיי אוֹיפְ'ן גַאס אַלֵיין, הֵייבּ אִיךְ אָן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס קֶען גֶעשֶׁעֶן, און עֶס מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל אַז אִיךְ כַאפּ נִישְׁט און אִיךְ טוּ מָאדְנֶע זַאכְן; לְמָשָׁל, אֵיינְמָאל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס און אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אַז זַאכְן קֶענֶען פְלִיעֶן אוֹיף מַיין קָאפּ, אִינְמִיטְן דֶערְזֶע אִיךְ זִיךְ מִיט מַיינֶע הֶענְט אוֹיף מַיין קָאפּ, אַזוֹי ווִי מֶען בַּאשִׁיצְט זִיךְ אַז גַארְנִישְׁט זָאל נִישְׁט פְלִיעֶן אוֹיפְ'ן קָאפּ.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ? אִיךְ הַאלְט עֶס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ גוּטֶע עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן פְּחָדִים - אִיז חַזֶר'ן אֱמוּנָה; דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה, מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זַייט זֵיי טוּעֶן דִי עֵצָה; מֶען טְרַאכְט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זִינְגְט זִיךְ אַ נִיגוּן פוּן אֱמוּנָה און מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען הֵייבְּט אָן מִיט טְרַאכְטְן פוּן אֱמוּנָה, און אוֹיבּ דִי פְּחָדִים וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער הֵייבְּט מֶען אָן זִינְגֶען צוּ זִיךְ אַ נִיגוּן, אוֹיבּ אִיז מֶען נִישְׁט צְווִישְׁן

**מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען זִינְגֶען אוֹיפְ'ן קוֹל, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וואוּ מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ. מֶען זִינְגְט צוּ זִיךְ: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ"; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן יא)**: "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פְּחָדִים, יְזַמֵּר זֶמֶר שֶׁל שִׂמְחָה", וֶוער עֶס הָאט שְׁרֶעק זָאל זִינְגֶען לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים.**

**אוֹיב דִי פְּחָדִים וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער, עֶס גֵייט נִישְׁט אַוֶועק - גֵייט מֶען צוּ תְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה; מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ, אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיט מִיר, אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּם מִיט מִיר"; דָאס בַּארוּאִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע אוּמְזִיסְטֶע פְּחָדִים.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן נֶעמֶען דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ, אִיךְ טְרֶעף דָארְט אַלֶע עֶנְטְפֶערְס פַאר מַיינֶע קֻשְׁיוֹת.

אִיךְ בִּין שׁוֹין פֶערְצְן יָאר בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אִיךְ לֶעק נָאכְאַלְץ מַיין פִינְגֶער, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּקְט מִיךְ אָן וִוי אַ בֶּעבִּי, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן אַלֶע סָארְט עֵצוֹת, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֲפִילוּ גֶעלֵייגְט אֵיינְמָאל שְׁוַוארְצֶע פֶעפֶער אוֹיף מַיין פִינְגֶער אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס נָאכְאַלְץ גֶעלֶעקְט, אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ יֶעדְן טָאג דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער אִיךְ לֶעק עֶס נָאכְאַלְץ.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר עֶס צוּ לֶעקְן אָבֶּער אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, אוֹיךְ בַּיינַאכְט קֶען אִיךְ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן אָן דֶעם.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן, וַוייל עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל; אִיר דַארְפְט זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן אַנְדֶערֶע, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה צוּ נֶעמֶען דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל.

אוֹיבּ עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ זֵייעֶר, אִיר ווִילְט דָאס נִישְׁט טוּן - אִיז דָא אֵיין עֵצָה: בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר פֶערְצִיג טֶעג אִין אֵיין צִי - ווֶעט אִיר זֶען אַ יְשׁוּעָה, אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט נֶעמֶען דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל; בֶּעטְס אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, בֶּעטְס דִי ווֶערְטֶער:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט נֶעמֶען מַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל. אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע מִיטְלֶען דָאס אָפְּצוּשְׁטֶעלְן, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, יֶעצְט קוּם אִיךְ צוּ דִיר מִיט אַ גֶעבֶּעט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן דִי זַאךְ״.

זַייט שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וָואס אִיר דַארְפְט, וָואס אִיר ווִילְט - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן - ווֶעט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין יְשִׁיבָה אוֹיבּ לָאזְן זֵיי מִיר נִישְׁט הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ אוֹיף דִי אַמְפֶּערְס פוּן חִיזּוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֵייגְט אַרַיין אִין מִיר, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ בְּחִינָה פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים! אִיךְ הָאבּ שׁוֹין

גֶעהַאט פְּלֶענֶער צוּ חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלָאזְן אַלֶעס בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי חִיזוּק און אִיךְ בִּין גֶעוָואֹרְן אַ נַייעֶר מֶענְטְש, מַמָש לֹא יְאֻמַן כִּי יְסֻפָּר! עֶס קֶען זַיין אַז בַּהֶמְשֵׁךְ וֶועל אִיךְ שִׁיקְן מַיין סִיפּוּר הִתְקַרְבוּת, עֶס אִיז אַ לַאנְגֶע מַעֲשֶׂה.

מַיין "טַייעֶרֶע" מַשְׁגִּיחַ זָארְגְט זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵׁם זֵייעֶר פַאר מִיר און עֶר הָאט לֶעצְטְנְס גֶעזֶען אַז אִיךְ בִּין שְׁוַואכֶער גֶעוָוארְן אִין לֶערְנֶען, הָאט עֶר מִיר צוּגֶעגוּמֶען מַיין חַבְרוּתָא פוּן פַארְמִיטָאג, און יֶעצְט - יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער - הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ צַייט צוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, און עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, מֶען וֶוערְט מַמָש אַ נַייעֶר מֶענְטְש!

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה לָאזְט מִיר אָבֶּער נִישְׁט הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, און עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעוָוארְנְט אַז טָאמֶער אִיךְ וֶועל וַוייטֶער אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים און גֵיין צוּ דִי חַבּוּרוֹת וֶועל אִיךְ גְלַייךְ פְלִיעֶן פוּן דִי יְשִׁיבָה אָן קַיין פְּשָׁרוֹת, און עֶר הָאט מִיר אֲפִילוּ גֶעהֵייסְן חַתְמְ'עֶנֶען אוֹיף אַ צֶעטְל אַז בְּרֶגַע אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער קֶשֶׁר מִיט בְּרֶסְלֶב טְרֶעף אִיךְ זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים! וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז דָאס אִיז מַיין סַם הַחַיִּים? און אִיךְ קֶען נִישְׁט אָן דֶעם! אִיךְ קֶען נִישְׁט אָן דֶעם!

דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז עֶס אִיז מִיר שׁוֹין בֶּעסֶער אַרוֹיסְצוּפְלִיעֶן פוּן אַזַא יְשִׁיבָה, דֶער עִיקָר אִיךְ זָאל קֶענֶען לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ וֵויס נִישְׁט צִי עֶס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע מְהַלֵךְ הַמַחְשָׁבָה, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן אַ תְּשׁוּבָה וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז - דוּ זָאלְסְט בַּאהַאלְטְן דַיין הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי׳ן; קֵיינֶער אִין יְשִׁיבָה דַארְף נִישְׁט וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס הִתְחַזְקוּת. פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּצוּשְׁטֶעלְן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס דוּ קֶענְסְט מִיט דִי סְדָרִים אִין יְשִׁיבָה און זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים און שְׁטִילֶערְהֵייט קֶענְסְטוּ וַוייטֶער לֶעבְּן מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס הִתְחַזְקוּת.

װער נִישְׁט דֶערשְׁרָאקְן פוּן קֵיינֶעם אִין דִי וֶועלְט, הָאב פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא; אַז מֶען װעט דִיר אַרוֹיסְוַוארְפְן - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט. מֶען הָאט מוֹהֲרָא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת אוּן גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, מוֹהֲרָא״ש אִיז גֶעוָוארְן נָאר שְׁטֶערְקֶער פוּן דֶעם.

דָאךְ זָאג אִיךְ דִיר, פְּרוּבִיר צוּ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן פוּן דִי יְשִׁיבָה דַיין הִתְקָרְבוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְפְן מִיר מוֹרָא הָאבְּן פוּן קְלָלוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן אַסַאךְ צוּ טוּן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶערֶעדְט פֶּערְזֶענְלִיךְ מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מַיין טַאטֶע שֶׁעלְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ מִיט בִּיטֶערֶע קְלָלוֹת וָואס אִיךְ וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר אַ צְווייטְן אִיד.

מִיר וֵוייסְן אַז מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, עֶס קוּמְט זִיךְ אוּנְז נִישְׁט דִי אַלֶע קְלָלוֹת, אָבֶער נָאכְאַלְץ הָאבְּן מִיר מוֹרָא דֶערְפוּן, אַז דִי אַלֶע קְלָלוֹת זָאלְן נִישְׁט שָׁאטְן אִין לֶעבְּן.

וָואס קֶען מֶען טוּן דֶערְצוּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי אַלֶע קְלָלוֹת; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, ב):

"כַּצִּפּוֹר לָנוּד, כַּדְּרוֹר לָעוּף", אַזוֹי וִוי אַ פֵייגְל פְלִיט אַרוּם זוּכְן עֶסְן אוּן בַּיים סוֹף קוּמְט זִי צוּרִיק צוּ אִיר נֶעסְט, "כֵּן קִלְלַת חִנָּם, לֹו תָבֹא", אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס שֶׁעלְט - וֶועט דִי קְלָלָה צוּרִיקְקוּמֶען אוֹיף אִים אַלֵיינְס; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם אִין דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; לֶערְן, דַאוֶוענְ אוּן זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ.

בְּנוֹגֵעַ כִּיבּוּד אָב וָאֵם; אַוַודַאי דַארְף מֶען טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט טַאטֶע מַאמֶע, אָבֶּער אִין דַיין פַאל אִיז אַנְדֶערְשׁ, דַיין כִּיבּוּד אָב וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט לֶעבְן בְּשָׁלוֹם מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק בַּאקוּמֶען גֶעלְט וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְבָּארְגְט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וִויל אִיךְ זִיךְ זַייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שַׁבָּת גִּלְיוֹנוֹת, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן אַלֶע חִיזּוּק דְרָשׁוֹת, אִיךְ לֵיין זֵיי אַלֶע דוּרְךְ אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס גֶעבְּט מִיר מוֹרָא'דִיגֶע חִיזּוּק, עֶס בְּרֶענְגְט מִיר נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס הֶעלְפְט מִיר אַסַאךְ אִין מַיין שָׁלוֹם בַּיִת. אִיךְ וִויל ווִינְטְשְׁן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן סַיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ.

אִיךְ וִויל שְׁרַייבְּן מַיין טִיפֶע וֵוייטָאג פוּן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס דְרֵיידְט זִיךְ בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן אֶפְשַׁר קֶענְט אִיר מִיר הֶעלְפְן.

גֶעוֶוען אִיז עֶס פַאר בְּעֶרֶךְ צְוֵויי יָאר צוּרִיק, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ נָאנְטֶער חַבֵר מִיט הָאַבְרֵךְ ... , אֵיין פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג מַמָּשׁ נָאנְט צוּם זְמַן רוּפְט עֶר מִיךְ אָן ווֵויינֶענְדִיג אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן אַז עֶר מוּז רֶעדְן מִיט מִיר פָּנִים אֶל פָּנִים, זָאג אִיךְ אִים אַז עֶר קֶען אַרִיבֶּערְקוּמֶען, עֶר קוּמְט אַרִיבֶּער אוּן עֶר ווֵויינְט צוּ מִיר מִיט זַיין בְּנֵי בַּיִת אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן אַז זַיין הוֹיז דַארְף יֶעצְט גֵיין אוֹיף אוֹיסְפַארְקוֹיף דוּרְךְ דִי בַּאנְק (פַארְקְלָאוֹישֶער), אוּן עֶר דַארְף זַייעֶר ווִיכְטִיג

צֶען טויזְנְט דָאלֶער עֶס צוּ שְׁנֶעל דֶעקְן. אִיךְ זָאג אִים אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מִיר יֶעצְט, אָבֶּער עֶר לֵייגְט מִיךְ בֶּאֱמֶת אַרַיין אִין אַ מַצָּב, עֶר נֶעמְט אַרוֹיס אַ צֶעטְל אוּן עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אוּנְטֶער אַז בִּיז אַ חוֹדֶשׁ הָאב אִיךְ צוּרִיק דָאס גֶעלְט.

בְּלֵית בְּרֵירָה הָאבּ אִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט אוּן אִים גֶעבָּארְגְט, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ חוֹדֶשׁ צְוֵויי דְרֵיי, אוּן עֶר הֵייבְּט מִיר נִישְׁט אוֹיף דֶעם טֶעלֶעפָאן, בִּיז נָאךְ אַפָּאר חֳדָשִׁים הֵייבְּט עֶר אוֹיף אוּן עֶר שְׁרֵייט מִיךְ אָן פַארְ'ן אִים נָאכְלוֹיפְן פַאר דִי גֶעלְט וֶוען אִיךְ וֵוייס אַז עֶר אִיז גֶעדְרוּקְט אִין גֶעלְט. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן רוּאִיג מִיט אֱמוּנָה, עֶס אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַפָּאר חֳדָשִׁים, אִיךְ רוּף אִים נָאכְאַמָאל, אִיךְ בֶּעט אִים צִי אֶפְשָׁר קֶען מֶען מַאכְן אַ פְּלַאן צוּ בַּאצָאלְן צוּבִּיסְלֶעךְ, פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶס אִיז צוּ סַאךְ גֶעלְט, בִּין אִיךְ אַרָאפּ בִּיז פוּפְצִיג דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, זָאגְט עֶר מִיר אַז אֲפִילוּ דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶר הַאלְט בִּכְלַל נִישְׁט בַּיים בַּאצָאלְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גָארְנִישְׁט פוּן גֵיין צוּ דִין תּוֹרָה, וַוייל עֶר גֵייט זָאגְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ. אִיךְ וִויל נִישְׁט גֵיין אִין עַרְכָּאוֹת, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי מֶען מֶעג. אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיב קֶען אֶפְשָׁר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְן צוּ אִים אוּן זֶען עֶר זָאל מַאכְן מִיט מִיר עֶפֶּעס אַ פְּלַאן אָנְצוּהוֹיבְּן צוּבִּיסְלֶעךְ צוּ בַּאצָאלְן. אִיךְ דַארְף בֶּאֱמֶת שְׁטַארְק דִי גֶעלְט, אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעדְרוּקְט.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דִי בַּאשֶׁעפֶער דֶערְפַאר, אוּן אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג אַז אַזַא מַעֲשֶׂה קֶען פַּאסִירְן בַּיי דִיר, אִיךְ רֶעד נִישְׁט גֶענוּג פוּן זִיךְ הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן; וָואלְט אִיךְ מֶער גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אוּן מֶער גֶעשְׁרִיבְּן פוּן דֶעם - וָואלְסְטוּ נִישְׁט פַארְקוֹיפְט גֶעוָוארְן פַאר דַיינֶע טְרֶערְן, עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט בַּיי דִיר.

מוֹהֲרַ"שׁ פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ, מֶען זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט

גֶעטְרוֹיעֶן, מֶען זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן פַארְבְּרֶעכֶערְס וָואס מַאכְן זִיךְ ווִי אַ רַחְמָנוּת אוּן אַזוֹי טוּעֶן זֵיי בַּא׳גַנְבְ׳עֶנֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן ווִיפִיל גֶעלְט מִיר הָאבְּן, מִיר זָאלְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְטוּן פַאר מִשְׁפָּחָה אָדֶער קְרוֹבִים מִיט ווִיפִיל אֵייגְנְס מֶען הָאט. אַז מֶען פְרֶעגְט דִיר: ״ווִיפִיל הָאסְטוּ? ווִיפִיל מַאכְסְטוּ?״ זָאל מֶען אַלְץ עֶנְטְפֶערְן: ״גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן צוּ דֶעקְן דֶעם חוֹדֶשׁ״ - עֶנְטְפֶערְן פַארֶעוֶוע, נִישְׁט מֶען זָאל דִיר אָנְקוּקְן ווִי אַ רַחְמָנוּת אוּן נִישְׁט מֶען זָאל זוּכְן אַרוֹיסְצוּ׳גַנְבְ׳עֶנֶען דִי גֶעלְט, אוּן וֶוען אֵיינֶער ווִיל בָּארְגְן גֶעלְט זָאל מֶען טְרַאכְטְן ווִיפִיל גֶעלְט מֶען וָואלְט יֶענֶעם גֶעגֶעבְּן פַאר צְדָקָה, אַזוֹיפִיל קֶען מֶען יֶענֶעם פַארְבָּארְגְן.

מֵיין נִישְׁט אַז יֶעדֶער וָואס זָאגְט עֶר אִיז אַ חֵלֶק פוּן ״הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ״ - אִיז עֶס טַאקֶע אַזוֹי; עֶר דְרֵייְדְט זִיךְ נִיטְאַמָאל דָא, עֶר פַארְקוֹיפְט פַאר דִי גַאס אַז דָא אִיז זַיין פְּלַאץ, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר נִישְׁט דָא, עֶר הָאט מוֹרָא צוּ קוּמֶען דָא. אִין אָנְהוֹיבּ הָאט עֶר זִיךְ דָא גֶעדְרֵייְדְט, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעען אַז דָא אִיז אַ פְּלַאץ וָואס מֶען דַארְף פָּאלְגְן הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קוּמֶען.

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ טוּן מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס שְׁלִיחוּת בְּנֶאֱמָנוּת, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן קֵיין מֶפְקָרִים בַּיי אוּנְז, אִיךְ פְּרוּבִּיר מִיט וָואס אִיךְ קֶען דָאס צוּ מְקַיֵּים זַיין.

אֵיין עֵצָה הָאבּ אִיךְ פַאר דִיר: בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר בַּאצָאלְן, אוּן דוּ רוּף אִים יֶעדְן טָאג, שִׁיק אִים יֶעדְן טָאג אַ מֶעסִידְזְשׁ עֶר זָאל דִיר בַּאצָאלְן, אוּן אִיךְ זָאג דִיר שׁוֹין ווִי אַזוֹי עֶס גֵייט זַיין; עֶר גֵייט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר, עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף אִים כְּדֵי עֶר זָאל וֶוערְן אַ רַחְמָנוּת, אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁפִּירְן שׁוּלְדִיג אוּן אִים מְוַותֵּר זַיין דֶעם חוֹב; זָאלְסְטוּ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן, שְׁרֵיי נִישְׁט אוֹיף אִים, נָאר בֶּעט אִים כְּסֵדֶר, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ צוּרִיק בַּאקוּמֶען דַיין גֶעלְט.

אוּן אוֹיף וַוייטֶער זָאל דָאס זַיין פַאר דִיר אַ לִימוּד מֶער נִישְׁט צוּ גֶעטְרוֹיעֶן מֶענְטְשְׁן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### אִין דִי שְׁנֵיי מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אִיךְ מֵיין אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט, וָואס דִי קוּנְטְרֵסִים, דִי בְּרִיוְון - טוּעֶן; וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוּויסְט נָאר אֵיין פְּרָאצֶענְט וָואס דִי נֵייעֶ קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת טוּעֶן - וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, דוּ וָואלְסְט גֶעאַרְבֶּעט מִיט אַ שִׂמְחָה אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ זָאגְן אַז דִי קוּנְטְרֵסִים אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיוּת, זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דִי בְּרִיוו.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג, דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר מֶענְטְשׁ אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַבִּיסְל אַ לֶענְגֶערֶע מַעֲשֶׂה, דוּ קֶענְסְט דָאס צֶעטֵיילְן פַאר דְרֵיי וָואכְן מִיט דְרֵיי בִּילְדֶער, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דוּ וֶועסְט דְרוּקְן אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ דָאס צַאמְשְׁטֶעלְן אִינְאֵיינֶעם.

**״אִין דִי שְׁנֵיי מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן״**

**קִינְדֶער וֶוער וִויל זַיין אַ צַדִּיק?**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אַלֶע קִינְדֶער ווילְן זַיין צַדִיקִים; קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט אַז מֶען קֶען זַיין אַ צַדִיק און אוֹיךְ שְׁפִּילְן, שְׁפְּרִינְגֶען און טַאנְצְן? אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס יוּנְגֶע יָארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיסְבַּאהַאלְטְן נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער דֶער רֶבִּי אִיז, נָאר דֶער רֶבִּי׳ס וַוייבּ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ דִי צַדֶיקֶת סָאשְׁיָא זִי זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם פוּן זַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁטִילֶערְהֵייט לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט טַייךְ, דָארְט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט און גֶעדַאוֶוענְט.

גֶעוֶוען אִיז דָאס אִינְמִיטְן ווִינְטֶער, עֶס אִיז קַאלְט, עֶס גֵייט אַ פְרָאסְט, דִי טַייךְ אִין הוּסְיַאטִין אִיז פַארְפְרוֹירְן, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אוֹיפְ׳ן טַייךְ, מֶען נוּצְט דִי טַייךְ פַאר אַ וֶועג צוּ גֵיין פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּם צְוֵוייטְן. עֶס גֵייט דָארְט אוֹיךְ רֶבִּי אֶפְרַיִם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶעם רֶבִּינְ׳ס שְׁוֶוער און זֶעט ווִי זַיין אֵיידֶעם - דֶער רֶבִּי - שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט חֲבֵרִים, זֵיי גְלִיטְשְׁן זִיךְ אִין דִי שְׁנֵיי, עֶר וֶוערְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, עֶר קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳אִיךְ הָאבּ אִים גֶענוּמֶען ווַייל עֶר אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען פַאר מַיין טָאכְטֶער אַן עֶרְלִיכֶער אֵיידֶעם; עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט, עֶר קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין עִבְרִי׳.

בִּיז דָא לֵייג אֵיין וָואךְ. מַאךְ אַ בִּילְד ווִי אַ בָּחוּר מִיט אַ שְׁטְרַיימְל גְלִיטְשְׁט זִיךְ אִין דִי שְׁנֵיי, אִין דִי זַייט שְׁטֵייעֶן צְוֵוויי עֶלְטֶערֶע אִידְן, אֵיינֶער וֵוייזְט פַארְ׳ן צְוֵוייטְן מִיט דִי הֶענְט, אַ תְּנוּעָה ווִי עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דֶעם וָואס דֶער בָּחוּר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט דִי שְׁנֵיי.

לֵייג נָאךְ דִי שְׁטִיקְל מַעֲשֶׂה:

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט אָבֶּער יָא דֶעם אֱמֶת אַז עֶכְט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט און גֶעדַאוֶוענְט, און אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִי שְׁנֵיי - הָאט עֶר דָאס גֶעטוּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען קֶען שְׁפִּילְן, שְׁפְּרִינְגֶען און טַאנְצְן, און זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְן אַ גַאנְצֶע צַייט: "שְׁכּ֫חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!", "אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; אוֹיבּ מֶען

צֶעקְלַאפְּט זִיךְ זָאגְט מֶען: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" "אַלֶעס אִיז פַּאר מַיין טוֹבָה".

קִינְדֶער טֵייעֶרֶע, אַז מִיר וֶועלְן טוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט – וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

חֵלֶק ב':

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶערְצֵיילְן ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּסְט אַז עֶר אִיז אַ צַדִיק, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ.

וֶוער גֶעדֶענְקְט וואוּ מִיר הַאלְטְן אִין דִי מַעֲשֶׂה?

רֶבִּי אֶפְרַיִם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁוֶוער – זֶעט ווִי זַיין אֵיידֶעם שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט דִי שְׁנֵיי, עֶר וֶוערְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, עֶר קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ אִים גֶענוּמֶען וַוייל עֶר אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען פַּאר מַיין טָאכְטֶער אַן עֶרְלִיכֶער אֵיידֶעם, דֶערְוַוייל לֶערְנְט עֶר נִישְׁט, עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט, עֶר קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין עִבְרֵי'.

אוּן יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער:

רֶבִּי אֶפְרַיִם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַכְנִיס אוֹרֵחַ, עֶס פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ אִים גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן עֶר הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען. אֵיינְמָאל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. רֶבִּי אֶפְרַיִם הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַּאר אִים, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן פַּאר אִים דָאס הַארְץ: "אִיךְ הָאבּ דָא אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען פַּאר אַן אֵיידֶעם אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אָבֶּער עֶר לֶערְנְט נִישְׁט! עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט שׁוֹין אֲפִילוּ פַארְגֶעסְן דִי עִבְרֵי, עֶר קֶען נִישְׁט לֵיינֶען בִּכְלַל!"

דֶער גַאסְט, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק – זָאגְט פַּאר רֶבִּי אֶפְרַיִם: "אִיר מַאכְט אַ טָעוּת! עֶס קֶען נִישְׁט זַיין, עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט אֱמֶת!" דֶער צַדִיק הָאט מוֹרָא

גֶעהַאט צוּ רֶעדְן אוֹיף אַן אֵייניקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אָבֶּער רֶבִּי אֶפְרַיִם, דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁוֶוער, זָאגְט אִים: "הַלְוַואי זָאל אִיךְ מַאכְן אַ טָעוּת, אִיךְ זָאג אַייךְ עֶר קֶען נִישְׁט לֵיינֶען, עֶר הָאט פַארְגֶעסְן דִי עִבְרֵי, עֶר שְׁפִּילְט אַ גַאנְצְן טָאג מִיט חֲבֵרִים; פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס, גֶעבְּט אִים צוּ לֵיינֶען אַ סֵפֶר וֶועט אִיר זֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט קַיין עִבְרֵי", דֶער צַדִיק זָאגְט פַאר רֶבִּי אֶפְרַיִם: "רוּפְט אַהֶער אַייעֶר אֵיידֶעם, אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן צוּ לֵיינֶען".

דֶער רֶבִּי קוּמְט צוּ גֵיין מִיט זַיין שְׁוֶוער, דֶער צַדִיק הַאלְט אִינְמִיטְן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, עֶר נֶעמְט זַיין מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "אִיךְ וִויל הֶערְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט לֵיינֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת", עֶר עֶפְנְט דִי מִשְׁנַיוֹת בַּיי מַסֶכֶת בָּבָא קַמָא פֶּרֶק ב מִשְׁנָה ג: "הַכֶּלֶב וְהַגְּדִי שֶׁקָּפְצוּ מֵרֹאשׁ הַגַּג", אוּן עֶר זָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "זָאג!" דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלוּג, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל וִויסְן אַז עֶר לֶערְנְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר הָאט פַארְגֶעסְן וִוי אַזוֹי מֶען לֵיינְט, עֶר הֵייבְּט אָן זָאגְן: "הַכֶּלֶב וְהַגְּדִי", דִי הִינְט מִיט דִי צִיג, "שֶׁקָּפְצוּ מַארְשׁ", וָואס הָאבְּן גֶעטַאנְצְן אַ מַארְשׁ; דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן וָואס דָא גֵייט פָּאר, דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁוֶוער רֶבִּי אֶפְרַיִם זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין פַארְגֶעסְן אֲפִילוּ דִי עִבְרֵי!"

דֶער צַדִיק נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן אִין אַ זַייט אוּן זָאגְט אִים מוּסָר: "דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט?! דוּ בִּיסְט אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דוּ בִּיסְט אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרָאדֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דַיין שְׁוֶוער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶער נַדָן, אַסַאךְ גֶעלְט בַּיי דַיין חֲתוּנָה, אוּן דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט! דוּ הָאסְט שׁוֹין אֲפִילוּ פַארְגֶעסְן דִי עִבְרִי!!!" אוּן עֶר גֶעבְּט דֶעם רֶבִּי'ן צְוֵוויי גֶעזוּנְטֶע פֶּעטְשׁ אִין פָּנִים. דֶער רֶבִּי וֵויינְט, דֶער רֶבִּי ווִיל נִישְׁט זָאגְן וֶוער עֶר אִיז, דֶער רֶבִּי ווִיל זַיין בַּאהַאלְטְן, דֶער רֶבִּי מַאכְט זִיךְ ווִי עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען.

בִּיז דָא לֵייג דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ. מַאךְ אַ בִּילְד ווִי אַן עֶלְטֶערֶער אִיד גֶעבְּט אַ פַּאטְשׁ פַאר אַ בָּחוּר, אִין דֶער זַייט אַ בִּילְד ווִי אַ הִינְט מִיט אַ צִיג טַאנְצְן אַ מַארְשׁ; עֶס מוּז זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר דִי קִינְדֶער, אַזוֹי גֵייעֶן אַרַיין דִי

מַעֲשִׂיּוֹת זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין זֵייעֶר הַארְץ.

לֵייג נָאךְ דִי שְׁטִיקְל מַעֲשֶׂה:

קִינְדֶער, מִיר וֵוייסְן דֶעם אֱמֶת אַז דֶער רֶבִּי הָאט יָא גֶעקֶענְט לֵיינֶען, עֶר הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט, גֶעדַאוְונֶט און גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל שְׁמוּעֶסְן פוּן אִים, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אוֹיסְבַּאהַאלְטְן פוּן דִי וֶועלְט; מִיר לֶערְנֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטִילֶערְהֵייט, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

חֵלֶק ג:

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל ווִיסְן פוּן זַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם.

קִינְדֶער, וֶוער גֶעדֶענְקְט וואוּ מִיר הַאלְטְן אִין דִי מַעֲשֶׂה?

לָאמִיר אִיבֶּערְגֵיין און קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר. דֶער רֶבִּי'ס שְׁוֶוער רֶבִּי אֶפְרַיִם הָאט בַּיי זִיךְ אַ גַאסְט אַ צַדִיק, און יֶענֶער צַדִיק זֶעט אַז דֶער רֶבִּי לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר הָאט שׁוֹין אֲפִילוּ פַארְגֶעסְן דִי עִבְרֵי, דֶער צַדִיק נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן אִין אַ זַייט און זָאגְט אִים מוּסָר: "דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט?! דוּ בִּיסְט אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ! דוּ בִּיסְט אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרָאדֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דַיין שְׁוֶוער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶער נַדָן, אַסַאךְ גֶעלְט בַּיי דַיין חֲתוּנָה - און דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט! דוּ הָאסְט שׁוֹין אֲפִילוּ פַארְגֶעסְן דִי עִבְרֵי!" עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם רֶבִּי'ן צְוֵויי גֶעזוּנְטֶע פֶּעטְשׁ אִין פָּנִים און דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט.

און יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער:

דֶער צַדִיק דֶער גַאסְט וָואס הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר'ן רֶבִּי'ן צְוֵויי פֶּעטְשׁ גְרֵייט זִיךְ אַהֵיים צוּ פָארְן, עֶר פָארְט אַרוֹיס פוּן הוּסְיַאטִין, עֶר זִיצְט אִין וָואגְן און עֶפֶּעס הֶערְט עֶר, עֶר בֶּעט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה זָאל אָפְּשְׁטֶעלְן דִי וָואגְן, עֶר הֶערְט אֵיינֶעם וֵויינֶען, דֶער בַּעַל עֲגָלָה וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן און עֶר שְׁטֶעלְט אָפּ דִי וָואגְן.

זֵיי הֶערְן בֵּיידֶע אַ וֵויינֶעדִיגֶע קוֹל, אַ זִיסֶע קוֹל; זֵיי גֵייעֶן אַרָאפּ פוּן וָואגְן אוּן גֵייעֶן נָאךְ דֶעם קוֹל, דֶער צַדִיק זָאגְט פַאר'ן בַּעַל עֲגָלָה: "עֶס הֶערְט זִיךְ אַ קוֹל וִוי אֵיינֶער דַאוֶוענְט", פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי אַ אִיד אִין וַואלְד אָנְגֶעטוּן מִיט טַלִית אוּן תְּפִילִין דַאוֶוענְט מִיט אַ בְּרֶען, מִיט אַ פְּלַאקֶער; דֶער אִיד וֵויינְט, דֶער אִיד בֶּענְקְט, דֶער אִיד זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן פְּסוּקֵי דְזִמְרָה מִיט אַזַא הַארְצִיגְקֵייט.

דֶער צַדִיק וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר גֵייט חַלָשְׁ'ן, עֶר דֶערְקֶענְט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר שְׁרֵייט: "אוֹי, וֵויי אִיז מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צְוֵויי פֶּעטְשׁ?!?!" עֶר כַאפְּט שׁוֹין וָואס גֵייט פָּאר, דָאס אִיז דֶער רֶבִּי, רֶבִּי אֶפְרַיִם'ס אֵיידֶעם, דֶער אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר קֶען נִישְׁט קַיין עִבְרִי, עֶכְט אִיז עֶר אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק! עֶר וֵויינְט צוּם רֶבִּי'ן: "זַיי מִיר מוֹחֵל, פַארְגֶעבּ מִיר!" דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים: "אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ נָאר אוֹיבּ דוּ זָאגְסְט מִיר צוּ אַז דוּ גֵייסְט קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, וִוי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ, וָואס דוּ הָאסְט דָא גֶעזֶען..."

(מִיר וֵוייסְן דִי מַעֲשֶׂה וַוייל דֶער צַדִיק הָאט גֶעלֶעבְּט לֶענְגֶער פוּן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז אַמָאל אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי חֵייקְל, דֶער חַזָן פוּן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה).

בִּיז דָא לֵייג דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ, מַאךְ אַ בִּילְד וִוי מֶען זֶעט דֶעם רֶבִּי'ן אִין וַואלְד מִיט טַלִית אוּן תְּפִילִין, עֶר שְׁטֵייט בַּיי אַ בּוֹים, עֶר דַאוֶוענְט אוּן וֵויינְט, פוּן דִי זַייט שְׁטֵייט דֶער רָב, דֶער בַּעַל עֲגָלָה, דִי פֶערְד אוּן וָואגְן, זֵייעֶר פָּנִים אִיז דֶערְשְׁרָאקְן.

לֵייג נָאךְ דִי שְׁטִיקְל מַעֲשֶׂה:

אַזוֹי אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הִתְבּוֹדְדוּת, גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעס - וֶועלְן

**מִיר וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי הֶערְלִיכֶער שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין יֶעצְט צוּרִיק פוּן דִי הֶערְלִיכֶער שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ שַׁבָּת! מִיר הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים, אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען; עֶס זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל פוּן דֶעם שַׁבָּת.

מִיטְוָואךְ נַאכְט נָאכְן צִינְדְן דִי מְנוֹרָה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי אַ בַּר מִצְוָה אִין יְשִׁיבָה פוּן הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן מוֹהֲרָא״שְׁ'ס זוּן, הָרַב נַחְמָן שְׁלִיטָ״א, עֶר הָאט גֶערֶעדְט לְכָבוֹד דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר. בְּתוֹךְ הַדְבָרִים הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר מוּז זָאגְן בָּרַבִּים וָואס עֶר גֶעדֶענְקְט, ווִי שְׁטַארְק זַיין טַאטֶע - מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - הָאט לִיבּ גֶעהַאט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה. עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אַלֵיינְס מִיט גֶעהַאלְטְן ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס צוּ מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיף דִי יְשִׁיבָה אוּן אוֹיף מִיר, אָבֶּער מוֹהֲרָא״שׁ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

נָאךְ דִי בַּר מִצְוָה בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה צוּם שְׁטֶעטְל, דָאנֶערְשְׁטָאג צוּפְרִי נַיין אַזֵייגֶער הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית מִיט דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה, דֶער מְלַמֵד הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ זָאגְן הַלֵל, מִיר הָאבְּן אִינְאֵיינֶעם גֶעזָאגְט הַלֵל מִיט אוּנְזֶער נוּסָח בְּקוֹל; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְגֶענוּגְן.

נָאךְ שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעלֶערְנְט דֶעם דַף גְמָרָא פַאר דִי עֶלְטְסְטֶע

כִּתָּה פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה, דִי קִינְדֶער הָאבְּן פֵיין מִיט גֶעהַאלְטְן. אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט אַ חִידוּשׁ, מֶען זֶעט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן אַבָּא אוּמְנָא (תַּעֲנִית כב.), וֶוען אַבַּיֵי הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע תַּלְמִידִים בּוֹדֵק זַיין אַבָּא אוּמְנָא אוּן זֵיי הָאבְּן אַוֶועק גֶענוּמֶען זַיינֶע קִישְׁעֶנֶעס אוּן דֶעקֶעס - הָאט עֶר זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעוְוּיסְט אַז תַּלְמִידִים פוּן אַ צַדִיק וָואס קוּמֶען בִּשְׁלִיחוּת דֶעם צַדִיק, מִן הַסְתָּם הָאבְּן זֵיי עֶפֶּעס אַ כַּוָונָה דֶערִין; דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין גְרוֹיסְקֵייט, עֶר הָאט גֶעוְוּיסְט אַז אַ צַדִיק הָאט זִיכֶער זַיינֶע טַעֲמִים.

גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַאר הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶער מְחוּתָּן הָרַב ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי חָתָן כַּלָּה, זֵיי זֶענֶען גְרוֹיסֶע מְפִיצִים אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאגְן דֶעם שִׁידוּךְ, דֶער מְחוּתָּן הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר/חָתָן - גֵייט הֲפָצָה, הָאט עֶר מִיר גְלַייךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁידוּךְ, עֶר דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער מְחוּתָּן ר׳ ... גֶערֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, אוֹיךְ זַיין טַאטֶע, הָרַב הֶחָסִיד ר׳ ... הָאט גֶערֶעדְט. מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט, אִיךְ הָאבּ מְכַבֵּד גֶעוֶוען ר׳ ... מִיט אַ בְּרָכָה, אוֹיךְ ר׳ ...; בַּיי מִיר זֶענֶען מְפִיצִים דִי גְרֶעסְטֶע מְיֻחָסִים.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גְלַייךְ גֶעפָארְן צוּם תַּלְמוּד תּוֹרָה, אִיךְ בִּין אַרַיין אִין אַלֶע כִּיתּוֹת, אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי כִּתָּה א׳. אִיךְ הָאבּ פַארְהֶערְט דִי קִינְדֶער דִי עִבְרִי, אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת צוּ זֶען וִוי אוּנְזֶער נֵייעֶר מְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר זָאל הָאבְּן אַזֶעלְכֶע כֹּחוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אִין כִּתָּה א׳, אֵיין קִינְד, אַ טֵייעֶר קִינְד - הָאט יֶעדֶע זַאךְ צוּרִיק גֶעוָוארְפְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִיךְ הָאבּ גֶעטֵיילְט אַ קֶענְדִי, הָאט עֶר דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפִּילְצֵייג - הָאט עֶר עֶס מִיר צוּרִיק גֶעוָוארְפְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט דִי קַארֶעלֶע", הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל דָאס גֶעבְּן פַאר זַיין שְׁוֶועסְטֶער, אוּן אִיךְ פְרֶעג אִים: "וִוי אַזוֹי הֵייסְט דַיין שְׁוֶועסְטֶער?" זָאגְט עֶר מִיר אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין נָאמֶען; אַזוֹי מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט

הָאט עֶר צוּרִיק גֶעוָוארְפְן. אִיךְ הָאבּ גֶעוִויזְן פַארְ'ן מְלַמֵד וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף הַאנְדְלֶען מִיט אַזַא קִינְד; נִישְׁט זוּכְן וִוי אַזוֹי אִים צוּ מַאכְן פַאר אַ מְחוּצָף, נָאר וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אִים פַארְדְרֵייעֶן, עֶס זָאל וֶוערְן אַלֶעס גוּט.

דֶער מְלַמֵד הָאט זִיךְ מַמָשׁ מְחַיֶ' גֶעוֶועְן צוּ זֶען דִי מַעֲשֶׂה, ווייל עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז נָאר בַּיי אִים פַּאסִירְט דָאס, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אַז אַזוֹינְס פַּאסִירְט אוֹיךְ בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִיךְ בִּין גֶעוֶועְן בַּיי קִינְדֶערְגַארְטְן, כִּתָּה ב' אוּן כִּתָּה ה'; אַלֶע מְלַמְדִים הָאבְּן גֶעהַאט חִיזוּק.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קוּקְן דִי נֵייעֶ דִירוֹת, גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה אוּן גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה מַעֲרִיב.

בַּיים צִינְדְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע בָּחוּרִים, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם דִי זְמִירוֹת, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ יֶעדְן גֶעווּינְטְשְׁן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, דִי בָּחוּרִים הָאבְּן אַלֶע גֶעצִינְדְן אִין שׁוּל.

נָאכְדֶעם זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אַ שְׁפַּאצִיר צוּם בֵּית הַדְפָסָה; עֶס זֶענֶען דָא אַפָּאר פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען דֶעם בֵּית הַדְּפוּס אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעוִויזְן דֶעם בִּנְיָן, זֵיי הָאבְּן אַלֶע גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דֶער בִּנְיָן הָאבְּן גֶעבּוֹיט בָּחוּרִים.

אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעגֶענֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז עֶס רֶעגְנְט; אֲפִילוּ עֶס אִיז גֶעוֶועְן שְׁוֶוער צוּרִיק צוּ גֵיין, אָבֶער מִיר וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אָנְצוּפוּלְן דִי נֵייעֶ מִקְוֶה בַּיים בֵּית הַמֶדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דִי בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעגֶעסְן אַ פֵיינֶע סְעוּדָה, מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן רֶבִּי'ן אוּן מוֹהֲרָא"שׁ, גְלַייךְ נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶועְן דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, עֶס אִיז גֶעוֶועְן זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שִׁיעוּר, עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט עֶס אוֹיסְהֶערְן.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן אַסַאךְ שֵׁיינֶע נְקוּדוֹת, פוּן "יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה", חֲנוּכָּה אִיז טֶעג פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "וְזֶה בְּחִינַת שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא", דָאס אִיז דִי גֶעשְׁמַאקֶע,

זִיסֶע און אַיינְגֶעמֶער טַעַם וָואס מֶען שְׁפִּירְט אויף יֶענֶע וֶועלְט; און וֶוער עֶס טוּט דָאס, עֶר גֶעוואוּינְט זִיךְ אֵיין צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵיבֶּערְשְׁטְן - דֶער שְׁפִּירְט דִי זִיסֶע טַעַם, עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז מִיר גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דִי מְסוֹרָה, אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת. אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת, מֶען זָאגְט גְמָרָא - אִיז דָאס נִישְׁט קֶעגְן דִי מְסוֹרָה, פַּארְקֶערְט, דָאס אִיז מְסוֹרָה; אַז מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין צְנִיעוּת - דָאס הֵייסְט אַוֶועקְגֵיין פוּן מְסוֹרָה! אַז מֶען שְׁנַיידְט זִיךְ דִי בָּארְד און פֵּיאוֹת - דָאס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִי מְסוֹרָה!

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט וֶועגְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי פְּרוֹיעֶן וָואס שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִי הָאר, און אֲפִילוּ אוֹיב מֶען קוּמְט פוּן אַ מִשְׁפָּחָה וָואס מַאמֶע און בַּאבֶּע שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט דִי הָאר, זָאל מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן דָאס צוּ טוּן, דָאס הֵייסְט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן מְסוֹרָה, פַּארְקֶערְט, אוֹיב וֶועט זִיךְ דִי פְּרוֹי שֶׁערְן דִי הָאר וֶועט זִי צוּרִיק גֵיין צוּ דִי מְסוֹרָה; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ פְּרוֹי קֶען טוּן פַאר זִיךְ און פַאר אִירֶע דוֹרוֹת וִוי גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל.

בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר דֶערְמַאנְט וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיף דֶער וָואס אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי נָאכְן הֶערְן פוּן רֶבִּי נָתָן אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ רֶבִּי: "פַּרְעֹה אִיז קְלוּגֶער פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ"; וַוייל וֶוען יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה אַז מֶען דַארְף זוּכְן אַן אִישׁ חָכָם צוּ רַאטֶעוֶוען דָאס לַאנְד, הָאט פַּרְעֹה אָנְגֶעכַאפְּט יוֹסֵף און גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית מא, לט) "דוּ בִּיסְט דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ; אַז דוּ זָאגְסְט מִיר מֶען דַארְף זוּכְן אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ - בִּיסְטוּ דֶער קְלוּגֶער".

רֶבִּי נָתָן זָאגְט וַוייטֶער: "אִיךְ זָאג אִים אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הָאבְּן אַ צַדִּיק; עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים נָאךְ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעהֶערְט, וָואלְט עֶר גֶעדַארְפְט זָאגְן 'אִיךְ בְּלַייב דָא; דוּ בִּיסְט דֶער צַדִּיק, דוּ בִּיסְט מַיין לֶעבְן', אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי".

נָאכְן שִׁיעוּר הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, מִיט אַפָּאר בָּחוּרִים - דִי עֶסְן פַאר שַׁבָּת. אִינְמִיטְן אָנְגְרֵייטְן דִי עֶסְן הָאבְּן דִי בָּחוּרִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ בֶּעשָׁאוּ, אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, אַ טֵייעֶרֶער

תַּלְמִיד, הַבָּחוּר ... מִיט אַ תַּלְמִידָה, אַ טָאכְטֶער פוּן ר' ...; מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי לְחַיִּים בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא שִׂמְחָה, אַלֶע בָּחוּרִים אוּן אַ טֵייל מִשְׁפָּחוֹת פוּן שְׁטֶעטְל זֶענֶען גֶעקוּמֶען ווּאוּנְטְשְׁן "מַזָל טוֹב".

בַּיי מִיר אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, צוּ מַאכְן אַ שִׁידוּךְ; אָבֶער דִי שִׂמְחָה אִיז נָאר פַאר יֶענֶע מִינוּט, גְלַייךְ נָאכְן לְחַיִּים בִּין אִיךְ שׁוֹין פַארְנוּמֶען צוּ מַאכְן נָאךְ שִׁידוּכִים, אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַאט מִיט וָואס אִיךְ טוּ.

בִּיז אַהֶער אִיז אַלֶעס פוּן אֵיין טָאג; דָאס אִיז בַּיי מִיר יֶעדְן טָאג, וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואלְטְן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן מַיין סֵדֶר הַיּוֹם - וָואלְטְן זֵיי גֶעקֶענְט אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ דִיקֶע קוּנְטְרֵס פוּן יֶעדְן טָאג.

פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט, נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, דִי גְמָרָא מַסֶּכֶת תַּעֲנִית (דף כב). קוֹדֶם הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שִׂמְחָה, דִי מַעֲשֶׂה מִיט רַב בְּרוֹקָא חוֹזָאָה, וָואס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן יֶעדְן אֵיינֶעם פְרֵיילִיךְ - זֵיי זֶענֶען בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא"; דָא זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְחַיֶּ' זַיין מֶענְטְשְׁן.

נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן נִישְׁט הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה; יֹאשִׁיָּהוּ הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעלֶעגְן טוֹיט קְרַאנְק, מֶען הָאט אִים גֶעשָׁאסְן, מֶען הָאט אִים גֶעלֶעכֶערְט מִיט צֶענְדְלִיגֶער פַיילְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן גֶעלֶעכֶערְט ווִי אַ זוּפּ. יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעזֶען ווִי עֶר זָאגְט עֶפֶּעס צוּ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט, הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ הֶערְן וָואס עֶר זָאגְט, הָאט עֶר גֶעהֶערְט ווִי עֶר זָאגְט (אֵיכָה א, יח): "צַדִּיק הוּא ה' כִּי פִיהוּ מָרִיתִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט, אִיךְ הָאבּ אִין אִים ווִידֶערְגֶעשְׁפֶּענִיגְט, הָאט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעזָאגְט דֶעם הֶסְפֵּד אוֹיף דֶעם צַדִּיק יֹאשִׁיָּהוּ (שָׁם ד, כ): "רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה'", דָאס אִיז אוּנְזֶער אָטֶעם, אוּנְזֶער מָשִׁיחַ; דָאס אִיז אַ צַדִּיק, עֶר לִיגְט גֶעלֶעכֶערְט מִיט פַיילְן אוּן הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי וֶוערְטֶער דַארְפְן אוּנְזֶערֶע לִיפְּן שְׁטֶענְדִיג שֶׁעפְּשֶׁען: "צַדִּיק הוּא ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט; וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין, וָואס מֶען זָאל נָאר

אַרִיבֶּערְגֵיין, דַארְף מֶען וִויסְן אַז "צַדִּיק הוּא ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף אִים.

נָאכְמִיטָאג הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ מִיטִינְג מִיט דִי גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט וָואס הֶעלְפְן מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן. מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט הוֹיבְּט מֶען אָן צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי בֶּעטְן, דִי אַלֶע וָואס וֶועלְן בַּאצָאלְן זֵייעֶר בֶּעט בִּיז יוֹם טוֹב פֶּסַח - וֶועט דִי פְּרַייז זַיין אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן, 750$, נָאךְ פֶּסַח וֶועט דִי פְּרַייז זַיין טוֹיזְנְט דָאלֶער.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. צוּ מִנְחָה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט אוּנְז. קַבָּלַת שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט. נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן דִי גַבָּאִים מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן וָואס מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, דִי קֶשֶׁר פוּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה צוּ פַּרְשַׁת מִקֵּץ. אִין דִי פַּרְשָׁה זֶעעֶן מִיר אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָא זֶעט אוֹיס וִוי זַאכְן וֶוערְן גֶעטוּן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, עֶס אִיז דָא אַ חָלוֹם מִיט אַ פִּתְרוֹן, יוֹסֵף וֶוערְט קֶענִיג, יַעֲקֹב אָבִינוּ שִׁיקְט קוֹיפְן עֶסְן, מֶען שְׁפַּארְט אֵיין שִׁמְעוֹן אוּן בִּנְיָמִין אִין תְּפִיסָה, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מֶענְטְשְׁן טוּעֶן, מֶענְטְשְׁן מַאכְן, אָבֶּער אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, יַעֲקֹב אָבִינוּ דַארְף אָנְקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, אַ גַאנְצֶע וֶועלְט דְרֵיידְט זִיךְ אִיבֶּער וֶועגְן דִי סִיבָּה.

דָאס וֶוערְט נִתְגַּלֶּה חֲנוּכָּה, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָּל; אוֹיל וָואס בְּרֶענְט נָאר אֵיין טָאג בְּרֶענְט פַאר אַכְט טֶעג, גֶעצֵיילְטֶע חַשְׁמוֹנָאִים בַּאזִיגְן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער גִּבּוֹרִים; צוּ וַוייזְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין נַאטוּר, עֶס אִיז אַלֶעס בְּהַשְׁגָּחָה.

מִיר הָאבְּן צוּרִיק שְׁפַּאצִירְט בִּיז דִי שׁוּל אוֹיף הָאשְׁקֶע; פַאר דִי שְׁפַּאצִיר אַלֵיינְס הָאט זִיךְ שׁוֹין אַלֶעס גֶעלוֹינְט, דִי גֶעשְׁמַאקֶע שִׂיחוֹת בַּיים שְׁפַּאצִיר; דִי וֶועג הָאט גֶענוּמֶען אַ שָׁעָה.

דִי סְעוּדָה הָאבְּן מִיר גֶעגֶעסְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי בָּחוּרִים אִין שׁוּל, נָאךְ דִי סְעוּדָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אוּן זִיךְ מְחַזֵּק

גֶעוֶועֶן מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דִי וֶוערְטֶער: "כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין דֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, יֶענֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן - אִיז עֶר אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת"; וַוייל וֶוען מֶען זֶעט נָאכְדֶעם וִוי אַלֶע דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס וֶוערְט מֶען אַזוֹי אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן; אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דֶער וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַנְדֶערֶע, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, אִיז זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר הָאבְּן גֶע'חַזֶר'ט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן, דִי וֶוערְטֶער פוּן רַשִׁ"י. דִי פַּרְשָׁה עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט "וַיִשְׁכָּחֵהוּ"; יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם שַׂר הַמַשְׁקִים עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, עֶר זָאל אִים טוּן אַ טוֹבָה אוּן אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה, עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר יוֹסֵף אַז עֶר גֵייט אִים הֶעלְפְן, אָבֶּער דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מ, כג): "וַיִשְׁכָּחֵהוּ", עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּן יוֹסֵף, אוּן רַשִׁ"י זָאגְט צְוֵויי וֶוערְטֶער: "בּוֹ בַּיוֹם", נָאךְ יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר פַארְגֶעסְן פוּן יוֹסֵף; דָא זֶעט מֶען דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן בֶּעטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן הִילְף, יֶענֶער הָאט זַיין אֵייגֶענֶע לֶעבְּן, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר, עֶנְדֶערְשׁ דַארְף מֶען גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעוֶועקְט דִי בָּחוּרִים, מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט סֵפֶר פְּעוּלַת הַצַּדִיק, דִי מַעֲשֶׂה פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ (סִימָן תתמו), וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען דִי דְרֵיי מָאל צוּ אִים, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּנֶעם עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ.

פְּסוּקֵי דְזִמְרָה הָאט גֶעדַאוֶוענְט דֶער גַבְּאַי ... נֵרוֹ יָאִיר, שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט הַלֵל אִינְאֵיינֶעם, מִיטְ'ן נוּסַח, בְּקוֹל; אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט בַּיי דִי שֶׁטַאטֶע נִיגוּן, בַּיי פִּתְחוּ לִי; נִישְׁטָא עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס וִוי זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶעקְט זִיךְ אִיבֶּער מִיטְ'ן טַלִית, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ערה), אוּנְטֶערְן טַלִית אִיז אַזוֹי וִוי אַ חֶדֶר מְיֻחָד לְהִתְבּוֹדְדוּת. דֶער גַבְּאַי ... הָאט גֶעלֵיינְט.

בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן נָאכְגֵיין אַ צַדִיק, דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי שְׁלֶענְג אוּן עֶגְדִיסְן, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מַעֲשֶׂה יא): "וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ

קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁלֶענְג?" הָאט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד גֶעזָאגְט: "וָואס פְּרֶעגְסְטוּ? וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא? וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ אַרַיינְקוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ?" עֶר וַוייזְט אִים אַז זַיין שְׁטוּבּ אִיז אִין דִי לוּפְט, "וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען צוּ מִיר? פְּרֶעג נִישְׁט, קוּם מִיט מִיר, גֵיי מִיךְ נָאךְ". דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד, עֶר הָאט אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען.

דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד - דָאס אִיז דֶער רֶבִּי וָואס זָאגְט אוּנְז צוּ גֵיין אִין וַואלְד מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת; אַז מֶען גֵייט נָאךְ דֶעם רֶבִּי'ן - קֶען מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אַלֶע שְׁלֶענְג, אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, אוֹיךְ קֶען מֶען הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ, אָבֶער אַז מֶען הָאט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד - אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אַ זַאךְ פוּן דִי לוּפְט, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם.

דִי סְעוּדָה הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעסְן אִין שׁוּל מִיט דִי בָּחוּרִים. נָאךְ דִי סְעוּדָה זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן, מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער צוּם מְנַהֵל, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר דִי בָּחוּרִים אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, מַעֲשִׂיוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּ הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, דָארְט הָאבְּן מִיר גֶעטְרָאפְן נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם "אוֹרֵחַ", דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן פה), דֶער אוֹרֵחַ - דָאס אִיז דֶער צַדִּיק, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ד, יח): "וְאֹרַח צַדִּיקִים", דֶער צַדִּיק קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל אִים בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוֹדֶם רֶעדְט עֶר צוּם מֶענְטְשׁ לוֹיט דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס מֹחַ, עֶר פְרֶעגְט אִים פוּן פַּרְנָסָה: "מֵאַיִן פַּרְנָסָתְךָ", וִוי אַזוֹי אִיז פַּרְנָסָה? נָאכְדֶעם פְּרֶעגְט עֶר אִים: "מָה אַתָּה לוֹמֵד", וָואס לֶערְנְסְטוּ? בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס, אִין "שִׂיחַת דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב", דָא זֶעט מֶען דִי וֶועג צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הַארְץ, אוֹיבּ מֶען רֶעדְט דִיבּוּרִים - וֶועט זִיךְ בַּיים סוֹף עֶפֶענֶען דָאס הַארְץ.

בִּיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "אָמַר לוֹ הָאוֹרֵחַ אֲנִי אֶלְמַד עִמְּךָ", הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען מִיט דִיר; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשׁ ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין הַקְדָּמַת הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ): "תְּנוּ לִי אֶת לִבְּכֶם", בְּרֶענְגְט מִיר עֶנְקֶער הַארֶץ, אִיךְ וֶועל עֶנְק פִירְן בְּדֶרֶךְ אֲבוֹתֵינוּ הַקְדוֹשִׁים; דֶער רֶבִּי דַארְף נָאר מֶען זָאל וֶועלְן זַיין גוּט, מֶען זָאל הָאבְּן גוּטֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּסּוּפִים.

אִיךְ בִּין אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע מְלַוֶּה מַלְכָּה, אַ סְעוּדַת הוֹדָאָה אַז מִיר זֶענֶען נָאךְ בַּיים רֶבִּי'ן.

זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי פַארְ'ן דַאוֶונֶען הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, מֶען הָאט גֶעדַאוֶונְט אִינְאֵיינֶעם. רוֹב טָאג הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת, נָאכְמִיטָאג הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט פַאר אַלֶע טִיטְשֶׁערְס חִיזוּק אוֹיף חִינוּךְ הַבָּנוֹת, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא; מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעלֶערְנְט, הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען זוּנְטָאג צְוֵויי בְּלַאט גְמָרָא. נָאכְן צִינְדְן אִיז גֶעוֶוען אַ לְחַיִּים פוּן צְוֵויי חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל.

אִיךְ הָאף צוּ זַיין מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ וֶוען מֶען פָּארְט אַוֶועק אוֹיף וַואקַאצִיעֶ, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, וֶוען מֶען פָּארְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן דַארְף מֶען זִיךְ נָאכְדֶעם נָאכְאַמָאל אָפְּרוּעֶן; וָואס מֶער מֶען טוּט - אַלְץ מֶער כֹּחַ בַּאקוּמְט מֶען. יֶעצְט נָאכְן זַיין דִי פִיר טֶעג אִין שְׁטֶעטְל, פוּן טוּן אוּן טוּן אוּן טוּן - הָאבּ אִיךְ פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען וַוייטֶער טוּן מִיט דִי בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן; רֶעד צוּ דִי חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן מִיט גֶעהַאלְטְן, וֶועלְן זֵיי דִיר דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע זַאכְן.

...

## דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי שָׁלוֹם בַּיִת וָואס אִיז דָא בַּיי אַייךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן שֵׁיינֶע גְרוּסְן אוֹיף דִיר, אִיךְ הֶער פוּן דִי גַבָּאִים אִין יְרוּשָׁלַיִם אַז דוּ דַאוֶוענְסְט בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל, דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ דָארְט.

הַיינְט שְׁרַייבְּט מִיר אֵיינֶער אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דַיין שְׁוֶוער אוּן עֶר זָאגְט אִים אַז עֶר הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִיר; דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ, דוּ רֶעדְסְט אַזוֹי שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן דִיר; עֶר זָאגְט יֶענֶעם: ״אִיךְ רֶעד נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין צוּ מַיין וַוייבּ אַזוֹי וִוי מַיין אֵיידֶעם רֶעדְט צוּ מַיין טָאכְטֶער״.

מֶען זֶעט מַמָּשׁ דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן אַייךְ״; דָאס מֵיינְט דִי לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּב, ׳צְוִוישְׁן אַייךְ׳ - מֵיינְט מֶען צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן דַיינֶע סִיוּמִים - וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ׳ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁרַייבְּן קְלָאר אוּן מְסוּדָר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

בִּיטֶע אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר מָרַת ... תִּחְיֶ׳; זִי שְׁרַייבְּט מִיר לַאנְגֶע בְּרִיוו, אִיךְ דַארְף זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען דָאס צוּ לֵיינֶען, עֶס אִיז נִישְׁט קְלָאר גֶעשְׁרִיבְּן; עֶס גֵייט מִיר אַוֶועק אַסַאךְ צַייט צוּ לֵיינֶען דִי בְּרִיוו.

אוֹיבּ זִי ווִיל אִיךְ זָאל לֵיינֶען אִירֶע בְּרִיוו אוּן אִיר עֶנְטְפֶערְן - זָאל זִי עֶס

שְׁרַייבְּן קְלָאר אוּן מְסוּדָר, אַז נִישְׁט וֶועל אִיךְ עֶס נִישְׁט לֵיינֶען; עֶס נֶעמְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ צַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא מוּזְן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, שֶׁתִּחְיוּ**

אַזוֹי וִוי עֶס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען פְרִישֶׁע תַּלְמִידוֹת, וִויל אִיךְ נָאכְאַמָאל קְלָארְשְׁטֶעלְן וָואס מִיר ווילְן מִיט אוּנְזֶער סְקוּל "בֵּית פֵּיגָא", אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אַלֶע תַּלְמִידוֹת זָאלְן זִיךְ גוּט צוּהֶערְן צוּ דִי וֶוערְטֶער.

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועזְן דֶרֶךְ אֶרֶץ זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעווּיסְט וָואס פַּאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס פַּאר מַיינֶע תַּלְמִידִים - וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ"; אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶועזְן בַּיי מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג פִירְן מִיר דִי סְקוּל בֵּית פֵּיגָא, מִיר קוּקְן אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ; אַ מֵיידְל וָואס פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, זִי הֶערְט אוֹיס דִי לֶערֶערִינְס - אִיז בַּיי אוּנְז אַ תַּלְמִידָה, אוּן אַ מֵיידְל וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - אִיז קַיין תַּלְמִידָה; מֶעג זִי קֶענֶען גוּט דָאס לֶערְנֶען, מֶעג זִי זַיין גֶעלוּנְגֶען, בַּיי אוּנְז אִיז דָאס נִישְׁט וֶוערְד, אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַלֶע צוּ זַיין גְרֵייט אִין צַייט וֶוען מֶען דַארְף זַיין אִין קְלַאס, וֶוען דִי טִיטְשֶׁער קוּמְט אַרַיין אִין קְלַאס - דַארְף יֶעדֶער זִיצְן אִין פְּלַאץ גְרֵייט מִיט אַלֶעס, נִישְׁט דֶעמָאלְט אָנְהֵייבְּן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען וְכוּ׳, אַלֶעס דַארְף שׁוֹין זַיין גְרֵייט פוּן פָאַרְאוֹיס.

וֶוען דִי טִיטְשֶׁער קוּמְט אַרַיין אִין קְלַאס דַארְפְן זִיךְ אַלֶע אוֹיפְשְׁטֶעלְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען בְּלַייבְּט שְׁטֵיין בִּיז דִי טִיטְשֶׁער ווִינְקְט אַז מֶען קֶען זִיךְ

שׁוֹין אַרָאפְּזֶעצְן, מֶען פַאַרְמַאכְט דִי מוֹיל און מֶען עֶפְנְט דִי אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דִי טִיטְשֶׁערְס לֶערְנֶען.

אִין קְלַאס קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַ צְוֵוייטְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט ווִינְקֶען און נִישְׁט לַאכְן; בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט - דַארְף מֶען זִיצְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי לִימוּדִים.

יֶעצְט וֶוען אִיךְ הֶער אַז בַּיי דִי עֶלְטְסְטֶע קְלַאס אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען דָא מֵיידְלֶעךְ וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - בִּין אִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, וַוייל אִיךְ שְׁטָאלְצִיר מִיט דִי שְׁטֶעטְל סְקוּל, און יֶעצְט זָאגְט מִיר דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ' אַז עֶס זֶענֶען דָא מֵיידְלֶעךְ וָואס לַאכְן זִיךְ אוֹיס פוּן דִי טִיטְשֶׁערְס און מֶען זִיצְט נִישְׁט אִין צַייט גְרֵייט וְכוּ'.

דֶערִיבֶּער וֶועל אִיךְ נִישְׁט קוּמֶען צוּ עֶנְק מֶער גֶעבְן שִׁיעוּרִים, אִיךְ גֵיי נָאר וואוּ עֶס אִיז דָא יִרְאַת שָׁמַיִם. אַז עֶס אִיז דָא דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז דָאס אַ סִימָן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, יב): "מוֹרָא רַבָּךְ כְּמוֹרָא שָׁמַיִם", מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְן פוּן אַ רֶבִּי אַזוֹי וִוי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; און אוֹיב אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט פַארְבֶּעסֶערְן חַס וְשָׁלוֹם - וֶועל אִיךְ פַארְמַאכְן דִי קְלַאס, מֶען וֶועט זִיךְ דַארְפְן נָאכְאַמָאל אַיינְשְׁרַייבְּן און מִיר וֶועלְן נָאר אָנְנֶעמֶען דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.

...

## דִי רִיכְטִיגֶע פַארְשְׁטַאנְד צוּ ווִיסְן וָואס צוּ רֶעדְן און צוּ וֶועמֶען צוּ רֶעדְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

דִי חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן אַייךְ גֶעבְן מֶעדֶעצִין צוּלִיבּ דֶעם וָואס אִיר ווִילְט אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְן - זָאלְט אִיר אוֹיפְהֶערְן מוּטְשֶׁען פַאר אַ שִׁידוּךְ, וַוייל מֶען וֶועט אַייךְ נָאךְ אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף מֶעדֶעצִין; אַנְשְׁטָאט

מוּטְשֶׁען אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאלְט אִיר צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים קֶענְט אִיר בֶּעטְן אוּן מוּטְשֶׁען.

אִיר דֶערְמַאנְט מִיךְ אַ מַעֲשֶׂה, מַיין בַּאבֶּע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, מַיין מַאמֶע׳ס מַאמֶע, זִי אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אוּן זֵייעֶר אַ קְלוּגֶע, הָאט זִי דֶערְצֵיילְט אַז נָאכְן קְרִיג אִיז זִי גֶעוֶוען אַזוֹי זִיכֶער אַז מָשִׁיחַ קוּמְט שׁוֹין אָט אָט אַז זִי הָאט גֶערֶעדְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם נָאר פוּן מָשִׁיחַ, אֵיין טָאג הֶערְט זִי ווִי מֶען רֶעדְט אוּנְטֶער אִיר רוּקְן אַז זִי אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, וַוייל זִי רֶעדְט צוּפִיל פוּן מָשִׁיחַ, הָאט זִי דֶעמָאלְט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן דֶערְפוּן; זִי אִיז גֶעוֶוען גֶענוּג קְלוּג צוּ ווִיסְן פוּן וָואס צוּ רֶעדְן אוּן מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן.

דָאס זֶעלְבֶּע וואוּנְטְשׁ אִיךְ אַייךְ, אִיר זָאלְט הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע פַארְשְׁטַאנְד צוּ ווִיסְן וָואס צוּ רֶעדְן אוּן צוּ וֶועמֶען צוּ רֶעדְן. רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַייעֶר צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אַייעֶר ווִילְן, ווִי שְׁטַארְק אִיר ווִילְט זַיין גוּט, אִיר ווִילְט חֲתוּנָה הָאבְּן צוּ וֶוערְן גַאנְץ, צוּ אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוערֶער - יֶעצְט וֶוען מֶען וַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ - צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ - דַארְף זַיין אַ וֶועג אוֹיךְ יֶעצְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

...

## גֵיין הֲפָצָה אוֹיף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ גֵייסְט אַרוּם צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט אַרוּם צוּ שִׁיקְן אוֹיף דִי פָּאסְט דִי ׳קִרְיַת בְּרֶסְלֶב שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל׳ פַאר גַאנְץ קִרְיַת יוֹאֵל; אִיךְ שְׁטֵיי אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, נָאךְ אַזוֹיפִיל מָאל זָאגְן אוּן שְׁרַייבְּן ווִי אַזוֹי מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה - בִּיסְטוּ נָאכְאַלְץ אַן אוֹיבֶּער חָכָם?

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, מַאךְ נִישְׁט דִי זַאכְן, זוּךְ נִישְׁט זִיךְ צוּ רֵייצְן מִיט דִי קְהִילָה, אַז דוּ ווִילְסְט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה - זָאלְסְטוּ גֵיין אוֹיף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; דִי אַלֶע נַייעֶ ווֶעגְן - זֶענֶען פוּילֶע וֶועגְן אוּן עֶס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קֵיין גוּטְס.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס גֵייט הֲפָצָה, עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט דִי סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): "דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז מְבַזֶּה זַיין פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין הֲפָצָה; וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה, אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה הֲיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ, 'טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער' הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן"; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרוּנְקֶען בֵּיימֶער - מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע בַּיי בָּחוּרִים צוּ פַארְבְּרֶענֶען צַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זִיךְ בַּאקֶענֶען פוּן דֶער נָאנְט מִיט עֶנְק אַלֶע; אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט אוֹיךְ הֲנָאָה גֶעהַאט.

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען דִי שִׁיעוּרִים אִין אִידִישׁ, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת בְּעִיקָר פוּן דִי צְוֵויי הוֹיפְּט נְקוּדוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד.

שְׁטַארְק זִיךְ, נוּץ אוֹיס דִי יוּנְגֶע יָארְן. בַּטֵל נִישְׁט קֵיין צַייט; עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע בַּיי בָּחוּרִים צוּ פַארְבְּרֶענֶען צַייט, מֶען קֶען שְׁמוּעֶסְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת פוּן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, אַלֶע בָּחוּרִים הָאבְּן דִי יֵצֶר הָרָע; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, וֶוען דוּ הָאסְט אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן זַיי גוֹרֵס פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, אוֹיךְ מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס כְּסִדְרָן דַיְקָא, קוּק נִישְׁט אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט אָדֶער נִישְׁט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ, רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת, וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בַּתְּחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

נָאכְדֶעם בְּרֶענְגְט רֶבִּי נָתָן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס

פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; און אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה", ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פון דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", ווייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט און מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", און זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט און גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בֶּעט אַייךְ אוֹיס בַּיים צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְרִיבְּנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיר קֶענְט גֵיין צוּם צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְרִיבְּנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; צוּ אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק גֵייעֶן אֲפִילוּ פְרוֹיעֶן. גֵייט אִינְאֵיינֶעם מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר; עֶר זָאל שְׁטֵיין בַּיי דִי מֶענֶער זַייט אוּן אִיר זָאלְט שְׁטֵיין בַּיי דִי פְרוֹיעֶן זַייט אוּן בֶּעטְס פַאר קִינְדֶער - וֶועט אִיר פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֵיין צוּם צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְרִיבְּנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶועון אִין מָאנְסִי אוֹיף אַ שִׂמְחָה - אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן מִתְפַּלֵּל זַיין. אַזוֹי טוּ אִיךְ אוֹיךְ, וֶוען אִיךְ בִּין אִין מָאנְסִי - גֵיי אִיךְ אַרוֹיף צוּם צִיּוּן הַנַּ"ל, מֶען זֶעט דָארְט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טוּ אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיְחִי, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

זֶע זִיךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן אֵיידֶער שַׁבָּת קוּמְט אַרַיין; טוּ אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ. לָאז נִישְׁט דֶעם שָׂטָן הָאבְּן אַ פְּלַאץ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, טְרַייבּ אִים אַרוֹיס; אַז עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם - וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּלַאץ. זַיין זַאךְ אִיז קְרִיגֶערַייעֶן; וַויי אוּן בִּיטֶער אִיז פַאר אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען קְרִיגְט זִיךְ, זֵיי טְרַייבְּן אַרוֹיס דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה; וואוֹיל אוּן גוּט אִיז דִי שְׁטוּבּ וָואס מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ.

טוּ אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ; בֶּעט אִיבֶּער אוּן זָאג אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט.

שֶׁעלְטְן?! אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן אַזַא זַאךְ בִּכְלַל, אַ אִיד שֶׁעלְט קְלָלוֹת? אוּן אוֹיף וֶועם - אוֹיף דִי וַוייבּ?! בַּאשֶׁעפֶּער אִין הִימְל, הִיט אָפּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן דֶעם.

אִיךְ הָאבּ דִיר אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּיי מַיינֶע כֹּחוֹת, אִיךְ הָאף זִיךְ צוּ שְׁפִּירְן בֶּעסֶער וֶועל אִיךְ דִיר מֶער שְׁרַייבְּן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## שׁוֹבָבִי״ם תַּ״ת, אַכְט וָואכְן וָואס מִיר קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיְחִי, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן בְּנֵי בְּרַק, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת פוּן מַיין נְסִיעָה, פוּן זַיין מִיט אַייךְ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; אִיךְ הָאף אִיר הָאט

אוֹיךְ הֲנָאָה גֶעהַאט פוּנֶעם שַׁבָּת.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל זַיין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים; נִישְׁט קַיין תּוֹרוֹת, פִּלְפּוּלִים - נָאר וֶוערְטֶער פוּן חִיזוּק. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן הַיינְטִיגֶע טֶעג, נִישְׁטָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט זַיין פֶּעקֶל, זַיין פַּרְשָׁה - וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער. מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר מִיט עֲנִיּוּת אוּן דַּחְקוּת, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן וְעַל כּוּלָּם מוּטְשֶׁעֶנֶען מִיר זִיךְ אַלֶע מִיט צָרוֹת הַיֵּצֶר; מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַבִּיסְל חִיזוּק אַזוֹי וִוי מֶען זוּכְט לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, מֶען זוּכְט אַ שְׁמֵייכְל, אַ גוּט וָוארְט - אַזוֹי וִוי אַ דוּרְשְׁטְרִיגֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט אַ טְרָאפּ וַואסֶער, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֶען צוּ רֶעדְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דִּבּוּרֵי חִיזוּק.

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר זֵייעֶר גוּטֶע חִיזוּק, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דָאס חַזֶרְ'ן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פַּרְשַׁת וַיְחִי. דִי פַּרְשָׁה עֶנְדִיגְט זִיךְ (בְּרֵאשִׁית נ, כו): "וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם", יוֹסֵף אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן מֶען הָאט אִים בַּאעֶרְדִיגְט אִין מִצְרַיִם, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי לְאַחַר הַיֵּאוּשׁ, מֶען קֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּן, מֶען קֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט מַאכְן, אַלֶעס אִיז טוֹיט, שׁוֹין בַּאגְרָאבְּן; דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען מוּז זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, מֶען שְׁרֵייט אוֹיס אַלֶע אִינְאֵיינֶעם: "חֲזַק חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק!" שְׁטַארְקְט זִיךְ, שְׁטַארְקְט זִיךְ, לָאמִיר זִיךְ אִינְאֵיינֶעם שְׁטַארְקְן! וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח): "קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען!"

טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר גֵייעֶן הַיינְט נַאכְט אַרַיין אִין דִי לִיכְטִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, דִי יָאר הָאבְּן מִיר שׁוֹבָבִי"ם תַּ"ת - אַכְט וָואכְן וָואס מִיר קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים. אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט אַלֶע זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַלֶע אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוּן אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם פְלֶעגְט עֶר זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים צְוֵויי מָאל אַ טָאג; לָאמִיר זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע דַּרְגָּא, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה

לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ׳. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", װער עֶס װיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן - זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד װיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם װילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין װִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן - וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ׳, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער מַאֲרִיךְ זַיין, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּב מִיט הִיץ, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים; אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁרַייבְּן מֶער קוֹמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**איר זָאלְט זַיין פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הַאלְטְן אַלֶעס מִיט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרוּסְן פוּן אַייךְ, אַז אִיר הָאט לִיבּ בֵּית פֵיגָא סְקוּל, אִיר הָאט לִיבּ אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִים, אִיר הָאט יֶעצְט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי צְוֵייטֶע מָאל תְּהִלִים.

זַייט קְלוּג, זַייט דֶערְוַואקְסְן. הַאלְטְס מִיט דִי סֵדֶר פוּן סְקוּל; אִיךְ הֶער פוּן דִי טִיטְשֶׁערְס אַז מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי פִיפְטֶע קְלַאס פִירְן זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר קִינְדִישׁ, אַנְשְׁטָאט מִיטְהַאלְטְן וָואס דִי טִיטְשֶׁערְס זָאגְן - זוּכְן זֵיי צוּ טוּן פַארְקֶערְט; בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זַיין פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הַאלְטְן אַלֶעס מִיט.

אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג סְקוּל טַאנְצְן דִי מֵיידְלֶעךְ יֶעדְן טָאג מִיט מוּזִיק, דִי מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן דָאס זֵייעֶר לִיבּ, זֵיי וַוארְטְן צוּ טַאנְצְן; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי פִיפְטֶע קְלַאס אִין שְׁטֶעטְל ווִילְן נִישְׁט זַיין אַ חֵלֶק פוּן בֵּית פֵיגָא, זֵיי ווִילְן נִישְׁט טַאנְצְן; זֵיי טוּעְן אַ גַאנְצֶע טוֹבָה אוּן טַאנְצְן מִיט, אַזוֹי אוֹיךְ דָאס דַאוֶוענֶען אִיז אַ גַאנְצֶע טוֹבָה צוּ פָאלְגְן דִי טִיטְשֶׁער.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ צוּרִיק וַוייל אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס זָאגְן מִיר אַז אִיר זֶענְט אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיגֶע מֵיידְל, אִיר זֶענְט אַ קְלוּגֶע מֵיידְל; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע מֵיידְלֶעךְ וֶועלְן אַייךְ נָאכְטוּן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פֵאר קִינְדֶער

## וֶוער אִיז גְרֶעסֶער? (א)

טַייעֶרֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר קִינְדֶער, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק; דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ און אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַן עוֹשֶׁר, בֵּיידֶע פוּן זֵיי, סַיי דֶער בְּלִינְדֶער און סַיי דֶער עוֹשֶׁר - זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִיקִים, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן עוֹשֶׁר, קוּמֶענְדִיגֶער וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בְּלִינְדֶער.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, זֵייעֶר אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער קַארְגֶער; קַארְג מֵיינְט אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעלְט אוּן עֶר גֶעבְּט נִישְׁט קַיין צְדָקָה, אַזוֹי רַייךְ וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען - אַזוֹי קַארְג אִיז עֶר גֶעוֶוען. דִי אָרֶעמֶעלַייט פוּן שְׁטָאט פְלֶעגְן אִים שֶׁעלְטְן מִיט אַלֶע קְלָלוֹת, מֶען הָאט אִים זֵייעֶר פַיינְט גֶעהַאט, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה.

וֶוען דֶער גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן זֶענֶען אַלֶע גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי לְוַיָה אוּן מֶען הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּיגְן אוֹיף דִי אָרוֹן, מֶען הָאט גֶעלַאכְט אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער. אוֹיךְ וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה הָאט גֶעוָואלְט בַּאעֶרְדִיגְן דֶעם נִפְטָר הָאבְּן אַלֶע אָרֶעמֶעלַייט גֶעשְׁטֶערְט דִי קְבוּרָה, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז מֶען טָאר אִים נִישְׁט מְקַבֵּר זַיין וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער קַמְצָן, אוּן פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ קוּמְט נִישְׁט קַיין כְּבוֹד הַמֵּת רַחֲמָנָא לִצְלָן.




הַא הַא, דֶער קַארְגֶער עוֹשֶׁר!

פְּלוּצְלוּנְג אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ אִין שְׁטָאט, דֶער בֶּעקֶער הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין בְּרוֹיט מִיט חַלוֹת פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט, דֶער פְּרוּכְט סוֹחֵר הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט פְּרוּכְט אוּן גְרִינְצֵייג, דֶער בוּטְשֶׁער הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין פְלֵייש פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט; וֶוען מֶען הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס גֵייט דָא פָאר? פַארְוָואס גֶעבְּן עֶנְק מֶער נִישְׁט קַיין עֶסְן פַאר דִי

אָרֶעמֶעלַייט?״ הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטפֶּערְט: ״בִּיז יֶעצְט פְלֶעגְט דֶער עוֹשֶׁר אוּנְז גֶעבְּן שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעלְט, עֶר הָאט אוּנְז בַּאשְׁוואוירְן אַז מִיר טָארְן נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז דִי גֶעלְט קוּמְט פוּן אִים; מִיר הָאבְּן אַלֶע יָארְן גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט נָאר צוּלִיבּ דֶעם גְרוֹיסְן עוֹשֶׁר, דֶער עוֹשֶׁר אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל וִויסְן אַז עֶר גֶעבְּט צְדָקָה, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים הַאלְטְן פַאר אַ קַארְגֶער, אוּן הֱיוֹת עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן קֶענֶען מִיר מֶער נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֶסְן״.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועלְן מִיר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם עֶנְדִיגְן דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק מַעֲשֶׂה.

קִינְדֶער, מִיר נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה, אַז עֶס זֶענֶען דָא בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִיקִים וָואס טוּעֶן שְׁטִילֶערְהֵייט צְדָקָה, זֵיי הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂים. פוּן אִינְדְרוֹיסְן שְׁפֶּעט מֶען פוּן זֵיי, מֶען רֶעדְט אוֹיף זֵיי שְׁלֶעכְטְס, מֶען מֵיינְט אַז זֵיי זֶענֶען שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי טוּעֶן אַלֶעס נָאר פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס וֶועגְן.

בס״ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

אויף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ׳ן ראש ישיבה
הרה״ג ר׳
**יואל רוטה**
שליט״א

היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש

**718·387·2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

חיזוק צום טיר

goodpointmediainc@gmail.com